# טרעגירונג אינסטיטוט
# טשיילד סופארט אינפארמאציע סעסיעס

CHILD SUPPORT SERVICES

**מיר ערווארטן אייך צו זען ביי אונזער אומזיסטע ווירטועלע טשיילד סופארט וועבינארס. יעדע סעסיע הויבט זיך אן מיט א פארשטעלונג וואס ווערט נאכגעפאלגט מיט א פראגע-און-ענטפער צייט.**

HRA'ס אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) טרעגירונג אינסטיטוט שטעלט פאר אן אנגייענדע אומזיסטע סעריע פון וועבינארס געווידמעט צו אויסקלארן די טיילמאל קאמפליצירטע טיילן פון טשיילד סופארט. די וועבינארס זענען געמאכט פאר איינגעשטעלטע פון סיטי אגענטורן און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס, ווי אויך עלטערן - און פראפעסיאנאלן וועלכע ארבעטן מיט די עלטערן. יעדע סעסיע הויבט זיך אן מיט א פארשטעלונג וואס ווערט נאכגעפאלגט מיט א פראגע און ענטפער צייט.

אויב איר האט פראבלעמען מיט זיך איינשרייבן פאר סיי וועלכע סעסיע, ביטע שיקט אונז גלייך אן אימעיל אויף OCSS.TrainingInsitute@dfa.state.ny.us.

## קומענדיגע פארשטעלונגען

| | | |
|---|---|---|
| **דינסטאג,**<br>**סעפטעמבער 24**<br>**פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**<br><br>מערסטע געאייגנט פאר: | **אן ארייפנפיר צו טשיילד סופארט קעיסעס פון מער פון איין סטעיט**<br>מערסטנס טשיילד סופארט קעיסעס האבן צו טון מיט עלטערן וואס האבן יא קאסטאדי און עלטערן וואס האבן נישט קאסטאדי וועלכע וואוינען אין די זעלבע יוריסדיקציע. אבער, עס זענען דא קעיסעס פון עלטערן וואס וואוינען אין צוויי אנדערע יוריסדיקציעס/סטעיטס אדער לענדער און די טשיילד סופארט פראגראמען אין די יוריסדיקציע דארפן מיטארבעטן און ארבעטן צוזאמען צו זושטעלן טשיילד סופארט סערוויסעס. טשיילד סופארט ווערט פארלאנגט פונעם פעדעראלע רעגירונג, אונטער אויפזיכט פונעם סטעיט און אין ניו יארק, לאקאלע איבערגעגעבן. כאטש עס זענען דא אסאך פארשידענע פאקטארן זיך צו רעכענען מיט, וועט די וועבינאר דעקן די הויפט פונקטן פון וויאזוי פארשידענע טשיילד סופארט אגענטורן ארבעטן צוזאמען צו איבערגעבן די סופארט וואס קינדער דארפן, אפגעזען פון וואו זיי און די עלטערן וואוינען. רעגיסטרירט זיך אויף https://bit.ly/49FCCQ9. | |
| **דינסטאג,**<br>**אקטאבער 8 פון**<br>**10:00 – 11:00**<br>**אינדערפרי** | **וויאזוי טו איך...? אינפארמאציע איבער אנפירן א טשיילד סופארט קעיס**<br>אנטיילנעמער וועלן לערנען וויאזוי דורכצופירן צענדליגע וויכטיגע אקטיוויטעטן אנבאלאנגט טשיילד סופארט, אריינגערעכנט וויאזוי זיך צוצוגרייטן פארן געריכט, מאכן א באצאלונג, טוישן א טשיילד סופארט באפעל, אויספילן א עלטערן צייט אפמאך, און באקומען הילף מיט טשיילד סופארט ענינים. רעגיסטרירט זיך אויף https://rb.gy/tpbi29. | |

מערסטע געאייגנט פאר: עלטערן · אדוואקאטן · אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

*אלע וועבינארס זענען אין ענגליש און ספאניש. שיקט אן אימעיל צו ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us צו בעטן פאר א דאלמעטשער כאטש 48 שעה איידער די דאטום פונעם סעסיע.*

## קומענדיגע פארשטעלונגען

**דינסטאג,**
**אקטאבער 22 פון**
**10:00 – 11:00**
**אינדערפרי**

### סנעפ-שאט (בילד): א געצייג פאר קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס

OCSS האט אנטוויקלט די סנעפשאט געצייג צו ערלויבן שטאב פון קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו באקומען אלגעמיינע איינצלהייטן איבער א טשיילד סופארט קעיס. oCBO און אדוואקאסי גרופעס זענען געטריבארע ראטגעבער וועלכע קענען צושטעלן א קריטישע פארבינדונג צו סערוויסעס פאר זייערע קליענטן. סנעפשאט איז א פארזיכערטע אנליין געצייג וואס ערלויבט גרופעס צו העלפן קליענטן דורך האבן צוטריט צו א סנעפשאט פון זייער טשיילד סופארט קעיס. די איין-בלאט דאקומענט רעכנט אויס באצאלונגען געמאכט, די סומע געלט וואס מען איז שולדיג און צו ווען, און סיי וועלכע אינפארסירונג שריט גענומען אויפן קעיס. עס נעמט אויך אריין א ליסטע פון רעקאמענדירטע קומענדיגע שריט אין ענטפער צו איינצלהייטן אויף די ספעציפישע קעיס. אנצוהאלטן די פריוואטקייט פון א קליענט, ווערט פארלאנגט אן אונטערגעשריבענע OCSS טשיילד סופארט סנעפשאט ערלויבעניש פארם ארויסצוגעבן אינפארמאציע צו אייער ארגאניזאציע. זיך אויפצושרייבן, שיקט אן אימעיל צו [OCSSinfo@dfa.state.ny.us](mailto:OCSSinfo@dfa.state.ny.us) מיט "Child Support Snapshot (טשיילד סופארט בילד)" אריינגעלייגט אין די טעמע ליניע. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/21pzv0](https://rb.gy/21pzv0).

---

**דינסטאג,**
**אקטאבער 29 פון**
**10:00 – 11:00**
**אינדערפרי**

### טשיילד סופארט ענינים פאר וועטעראנען און אקטיווע מיליטערישע לייט

אנטיילנעמער וועלן לערנען וועגן די וויכטיגקייט פון טשיילד סופארט פאר וועטעראנען און זייערע פאמיליעס, און די הילפסמיטלען וואס זענען אוועילעבל פאר וועטעראנען און אקטיווע מיליטערישע לייט אנבאלאנגט טשיילד סופארט ענינים. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://bit.ly/47LUEA3](https://bit.ly/47LUEA3).

---

**דינסטאג,**
**נאוועמבער 12 פון**
**10:00 – 11:00**
**אינדערפרי**

**מערסטע**
**געאייגנט פאר:**

### טשיילד סופארט אפמאכן און פארמיטלונג אויסוואלן

די סעסיע איז אפן פאר אלע עלטערן, אפגעזען אויב זיי האבן יא אדער נישט קאסטאדי, וואס זוכן א טשיילד סופארט באפעל - צו לערנען די וועגן וואס אפמאכן -אדער פאר א נייע באפעל אדער צו טוישן אן אלטע באפעל - קענען גענוצט ווערן צו גרינגער מאכן און פארשנעלערן די טשיילד סופארט פראצעדור דורך באגרעניצן באזוכן אין פאמיליע געריכט. די סעסיע וועט אויך דעקן וויאזוי פארמיטלונג קען גענוצט ווערן צו אדרעסירן טשיילד סופארט חובות וועלכע מען איז שולדיג פאר די עלטערן וואס האט קאסטאדי. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/reuve8](https://rb.gy/reuve8).

---

**דינסטאג,**
**נאוועמבער 19 פון**
**10:00 – 11:00**
**אינדערפרי**

**מערסטע**
**געאייגנט פאר:**

### וויאזוי זיך צו גרייטן צום געריכט, וואס צו ברענגען, און וואס צו ערווארטן

אנטיילנעמער וועלן לערנען איבער די ראלע פון פאמיליע געריכט אין אויפשטעלן און טוישן טשיילד סופארט באפעלן, און וויאזוי זיך צו גרייטן צום געריכט. עלטערן קענען ערשיינען אן אן אדוואקאט. עס איז די בעסטע צו זיין צוגעגרייט און ברענגען די ריכטיגע דאקומענטן. די סעסיע וועט שילדערן וואס פאסירט דורכאויס א טשיילד סופארט הירינג, וועלכע דאקומענטן מען דארף, און וואס די רעזולטאט מיינט פאר סיי די עלטערן וואס האט יא קאסטאדי און די עלטערן וואס האט נישט קאסטאדי. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/z3jj87](https://rb.gy/z3jj87).

---

מערסטע געאייגנט פאר: עלטערן | אדוואקאטן | אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

*אלע וועבינארס זענען אין ענגליש און שפאניש. שיקט אן אימעיל צו [ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us](mailto:ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us)*
*צו בעטן פאר א דאלמעטשער כאטש 48 שעה איידער די דאטום פונעם סעסיע.*

## קומענדיגע פארשטעלונגען

**דינסטאג, דעצעמבער 3 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:** עלטערן; אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

### ספעציעלע עקזעקיוטיוו סעסיע: פראגע און ענטפער מיט OCSS פירערשאפט

די אוועגט איז אפן פאר יעדעם אין די קאמיוניטי, אריינגערעכנט עלטערן וואס האבן יא אדער נישט קאסטאדי מיט אדער אן א טשיילד סופארט באפעל. די פירערס פון OCSS וויל זיך צוהערן און הערן פון אייך. זיי וועלן מאכן קורצע פארשטעלונגען איבער וויאזוי ניו יארק סיטי טשיילד סופארט ארבעט און דערנאך ענטפערן פראגעס פון אנטיילנעמער אויף אלע טעמעס פארבינדן מיט טשיילד סופארט. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/a1y8ab](https://rb.gy/a1y8ab).

---

**דינסטאג, דעצעמבער 17 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:** עלטערן; אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

### אנהויבן מיט טשיילד סופארט: וואס קען איך ערווארטן?

טשיילד סופארט איז קאמפליצירט, און אסאך מענטשן וועלכע באטראכטן דאס מעגליכקייט פון טשיילד סופארט, אדער וועלכע געפונען אויס אז זיי זענען גערופן געווארן צו א טשיילד סופארט הירינג, ווייסן נישט וואס צו ערווארטן. פארשונג ווייזט אז אסאך איינצעלע עלטערן, ספעציעל נידריגע-איינקונפט עלטערן, זענען בארעכטיגט פאר טשיילד סופארט אבער האבן זיך נישט איינגעגעבן. די וועבינאר גייט איבער אלע ערשטע שריט אין די פראצעדור - פון עפענען א טשיילד סופארט קעיס צו אנטיילנעמען אין די הירינג פארנט פון א סופארט מאגיסטרעיט אין פאמיליע געריכט. מיר וועלן דעקן די נויטיגע שריט און דאקומענטן וואס מען דארף, ווי אויך די וויכטיגקייט פון זיך באטייליגן אין די הירינג. די דורכשניטליכע צייט פון אוועקשטעלן א טשיילד סופארט באפעל וועט אויך ווערן געדעקט. מיר וועלן אויך איבערגיין אונזער נייע פעקל פון מאטריאל וואס ווערט צוגעשטעלט פאר עלטערן/גארדיענס וואס געבן זיך איין פאר טשיילד סופארט סערוויסעס און מיט א געריכט דאטום. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/wf9nmu](https://rb.gy/wf9nmu).

---

**דינסטאג, יאנואר 7 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:** עלטערן; אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

### פונדאמענטן פון טשיילד סופארט

די וועבינאר געבט אן איבערבליק פון די טשיילד סופארט פראצעדור אריינגערעכנט אינפארמאציע אויף די ווערד פון טשיילד סופארט, די לעבנסגאנג פון א טשיילד סופארט קעיס, און א שילדערונג פון פראגראמען געאייגנט צו בענעפיטירן עלטערן וועלכע האבן א טשיילד סופארט קעיס. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/3958c1](https://rb.gy/3958c1).

---

**דינסטאג, יאנואר 14 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:** עלטערן; אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן; אדוואקאטן

### טשיילד סופארט אדמיניסטראטיווע אינפארסירונג שריט: וואס איר דארפט וויסן

די טרעניירונג כאפט א טיפע בליק אריין אין אדמיניסטראטיווע אינפארסירונג שריט וואס ווערן גענומען ווען טשיילד סופארט באצאלונגען ווערן נישט געמאכט באצייטנס און עס זאמלען זיך אן חובות. אנטיילנעמער וועלן הערן איבער ווען אינפארסירונג שריט פאסירט, אויסנאמען, און וויאזוי צו זיך קעגנשטעלן אנטקעגן אן אדמיניסטראטיווע אינפארסירונג שריט. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/azx8uw](https://rb.gy/azx8uw).

---

מערסטע געאייגנט פאר: עלטערן | אדוואקאטן | אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

*אלע וועבינארס זענען אין ענגליש און ספאניש. שיקט אן אימעיל צו* [ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us](mailto:ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us) *צו בעטן פאר א דאלמעטשער כאטש 48 שעה איידער די דאטום פונעם סעסיע.*

## קומענדיגע פארשטעלונגען

**דינסטאג, יאנואר 28 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:**

### טשיילד סופּאָרט: חובות נידערונג אויסוואלן פאר NCP's (עלטערן וואס האבן נישט קאסטאדי)

אומבאצאלטע טשיילד סופארט חובות איז אן ערנסטע פראבלעם פאר עלטערן וואס האבן נישט קאסטאדי און ווי אויך פאר עלטערן וואס האבן קאסטאדי און זייערע קינדער. עס פירט צו אינפארסירונג שריט וואס קען שטיין אין וועג פון אנהאלטן אן ארבעט, שטעלן שטרויכלונגען פאר טאטע אריינמישונג און פאראורזאכט אנגעצויגנקייט פאר אלע צדדים. אייגנטליך, מערסטנס חובות זענען פון oNCP וועלכע האבן נישט צופיל מעגליכקייט צו באצאלן. HHS האט רעקאמענדירט אז חובות זאלן גענידערט ווערן צו העלפן פארמיידן אינצידענטן פון טשיילד אביוז און פארנאכלעסיגקייט. אנטיילנעמער וועלן הערן איבער די וויכטיגע OCSS פראגראמען וועלכע קען אויך אן אדמיניסטראטיווע שטאפל נידערן טשיילד סופארט חובות שולדיג פאר די רעגירונג ווי אויך סטראטעגיעס צו פארמיידן חובות לכתחילה און אן אויסוואל צו אויסארבעטן חובות שולדיג פאר עלטערן וואס האבן קאסטאדי. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/s4i59o](https://rb.gy/s4i59o).

---

**דינסטאג, פעברואר 4 פון 10:00 – 11:00 אינדערפרי**

**מערסטע געאייגנט פאר:**

### די הויפט פונקטן פון טשיילד סופארט פאר נייע עלטערן

די סעסיע איז אפן פאר אלע עלטערן - מיט אדער אן קאסטאדי מיט א טשיילד סופארט באפעל, ווי אויך פאר עלטערן וואס קלערן פון זיך איינגעבן פאר טשיילד סופארט. אנטיילנעמער וועלן לערנען וועגן די הויפט פונקטן פון טשיילד סופארט: בארעכטיגונג, די אפליקאציע פראצעדור, וויאזוי צו באקומען טשיילד סופארט זיכערערהייט, און וואס צו ערווארטן דורכאויס די לענג פון א טשיילד סופארט קעיס. **רעגיסטרירט זיך אויף** [https://rb.gy/80vx5x](https://rb.gy/80vx5x).

---

מערסטע געאייגנט פאר: עלטערן אדוואקאטן אגענטורן און ארגאניזאציעס וועלכע העלפן עלטערן

*אלע וועבינארס זענען אין ענגליש און ספאניש. שיקט אן אימעיל צו [ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us](mailto:ocss.traininginstitute@dfa.state.ny.us)*
*צו בעטן פאר א דאלמעטשער כאטש 48 שעה איידער די דאטום פונעם סעסיע.*